View metadata, citation and similar papers at core.ac.uk
brought to you by CORE
provided by Hochschulschriftenserver - Universität Frankfurt am Main

# שלום עליכם

# קדלת וקדשת

## א

(מייַן צונעמעניש.– שוואַכע פֿעיִקייטן.– וואָס וועט זייַן פֿון מיר?)

„איוואַן פּאָפּירילע"... קיין אַנדער נאָמען האָב איך ניט געהאַט אין דער היים צווישן אַ גאַנצע כאַליאַסטרע. אפֿשר דערפֿאַר, וואָס איך האָב ניט געוואָלט לערנען? דאָס אַחוץ. וועלן האָב איך טאַקע ניט געוואָלט. ווער וויל דאָס לערנען? אָדער אפֿשר דערפֿאַר, וואָס איך האָב געהאַט אַ גראָבן קאָפּ? דאָס קאָן אויך זייַן. קיין שטאַרק גוטן קאָפּ האָב איך טאַקע ניט געהאַט. דאָס הייסט, די תּפֿיסה איז בייַ מיר געווען – אַזוי האָט דער רבי געזאָגט – אַ האַרטע תּפֿיסה. איידער איך האָב תּופֿס געווען אַ זאַך, איז אָנגעקומען שווערלעך. דערפֿאַר אָבער איז דער זכּרון געווען בייַ מיר, ניט-פֿאַר אייַך געדאַכט, זייער-זייער אַ שוואַכער! ניט געווען די זאַך, וואָס איך זאָל געדענקען. אָט האָב איך אויסגעלערנט אויף אויסווייניק, און אָט האָב איך עס שוין פֿאַרגעסן. איך קאָן מיך גאָר ניט דערמאָנען, אַז די קלעפּ, מיט די פּעטש, מיט די שמיץ, וואָס מע האָט מיר אַרייַנגעטיילט. אומזיסט האָט נעבעך מייַן טאַטע זיך אָפּגעגעסן דאָס האַרץ. אומזיסט זענען נעבעך געווען דער מאַמעס טרערן. עס האָט קיין זאַך מיך ניט גענומען.

– געוואַלט! איוואַן פּאָפּערילע! וואָס וועט זייַן פֿון דיר?

– געוואַלט! ייִדישע קינדער! וואָס וועט זייַן פֿון מיר?...

## ב

(מייַן טאַטנס פֿרייד. – מזל טובֿ, איך בין שוין אַ חתן. – מייַן מחותּנס ייִחוס און מייַן כּלהס מעלות – איך פֿאָר צו מייַן כּלה אויף יום-טובֿ. – )

איך האָב שוין אַ מאָל געזען מײַן טאַטן פֿריילעך זײַן. למשל, פּורים צו דער סעודה. שׂמחת תּורה נאָך הקפֿות. אויף אַלערלײ שׂמחות. נאָר אַזוי פֿריילעך, ווי ער איז געווען יענעם ערבֿ פּסח, וואָס איך גײ אײַך דערציילן, – האָב איך אים נאָך קיין מאָל ניט געזען. וואָס זשע איז מיט אים געווען די גדולה? – איך בין אַ חתן געוואָרן. מזל טובֿ! מיט מזל זאָלט איר לעבן! ווער איז דער מחותּן? – דער מחותּן איז שוין איין מאָל אַ מחותּן. ערשטנס, אַ מיוחס. די האָרינשטיינס פֿון ראַדאָמישל האָט איר געקענט? די זוסמאַנס פֿון אָסטראַ ווייסט איר? און די טשעבילסקיס פֿון שפּאָלע האָט איר אויך געהערט? איז ער בײַ זײ געווען אַ קאָמיסיאָנער? ניט הײַנט, נאָר אַ מאָל. איידער ער האָט זיך מיט זײ צעקריגט... הײַנט איז ער שוין אַליין אַ סוחר. ניט קיין גרויסער, נאָר אַ סוחר. נדן גיט ער אויך. ניט קיין סך. מײַן טאַטע גיט צווײ מאָל אַזוי פֿיל. דערפֿאַר גיט מען מיר אַ כּלה – שוין איין מאָל אַ כּלה! איך אַליין קען זי נאָך ניט. איך האָב זי נאָך ניט געזען. נאָר די, וואָס האָבן זי געזען, קאָנען זיך פֿון איר ניט אָפּלויבן. און געזען האָבן זי דער טאַטע, די מאַמע, מײַנע אַן עלטער שוועסטער און איר מאַן, מײַן שוואָגער. זאָגט די מאַמע, אַז זי איז אַ שיינע. און די שוועסטער זאָגט, אַז זי איז ניט אַזאַ שיינע, ווי אַ קלוגע. און מײַן שוואָגער דרינגט, אַז זי איז ניט אַזאַ קלוגע, ווי אַ גוטע. עס ליגט איר די גוטסקייט אויפֿן פּנים. זאָגט דער טאַטע, אַז וואָס זי זאָל ניט זײַן, בין איך זי ניט ווערט... ווערט ניט ווערט... אַבי איך האָב זי אַזוי טראַכט איך מיר און קוק שוין אַרויס אויפֿן פּסח, ווי אַן ערלעכער ייִד אויף משיחן. וואָרום איך האָב געהערט זאָגן, אַז אויף פּסח פֿאָר איך מיך דורך צו מײַנע מחותּנים צו גאַסט.

ג

(אַ קאָמפּליצירטער קידוש. – אַ הבֿדלה אַ צוגאָב. – )

צו די מחותּנים, חלילה ניט צו דער כּלה. אַזוי זאָגן זײ, מײַנע טאַטע-מאַמע. וואָס איך דענק וועגן דעם – דאָס איז מײַן עסק. און ווײַל איך בין נאָר בײַ זײ אין רשות, מוז איך מיר אונטערגעבן און אויסהערן אַלצדינג, וואָס זײ וועלן מיר זאָגן. און וואָס זאָגט אַ טאַטע אָדער אַ מאַמע? זײ זאָגן, אַז איך זאָל זיך האַלטן, ווי אַ מענטש, און אַז איך זאָל זיצן, ווי אַ מענטש, און אַז איך זאָל עסן, ווי אַ מענטש, און אַז איך זאָל ניט רעדן קיין נאַרישקייטן.

– בקיצור, דו זאָלסט זיך ניט אַרויסבאַוויַיזן, אַז דו ביסט אַן איוואַן פּאָפּערילע...

אָט דאָס זאָגט מיר דער טאַטע אָן און פֿאַרכאַפּט זיך:

– שאַ! דעם יום-טובֿדיקן קידוש קענסט דו שוין, צי ווער – וואָס?

לאָזט זיך אויס, אַז ניין. איך קען אים נאָך ניט. פֿון וואַנען זאָל איך אים קענען? פֿון פֿאַר אַ יאָרן? ווער האָט דאָס אַזאַ קאָפּ? ובפֿרט, אַז הײַנטיקער פּסח פֿאַלט אויס אַקוראַט שבת צו נאַכט – און דאָס איז אַן אומגליק! דאָ מוזט איר קענען קידוש מיט הבֿדלה אין איינעם. דער פּסחדיקער קידוש אַליין, מאָלט אײַך, איז אויך אַ גענוגיקע מכּה – גיי געדענקט דעם „זמן חרותינו". איז קאַרג – נאַט אײַך נאָך אַ הבֿדלה אַ צוגאָב, מיט אַ „קדשת", און מיט אַ „הבֿדלת וקדשת". אַ גוט שטיקל אַרבעט!

– נישקשה, ביזט ניט קליין אויסצולערנען, – זאָגט דער טאַטע – האָסט נאָך געזונטע דרײַ וואָכן צו פּסח...

## ד

(דער רבי שטודירט מיט מיר דעם קידוש. – אַ פֿרײַע האַנט. – אַ „הבֿדלת" מיט אַ „קדשת". – )

פֿאַרלאָזן זיך פֿון דעסטוועגן אין גאַנצן אויף מײַן יושר איז מײַן טאַטע קיין בעלן נישט. הייסט ער מיר, איך זאָל אים צושיקן דעם רבין. וואָס דאַרף ער דעם רבין? ער וויל אים בעטן, ער זאָל מיט מיר אײַנשטודירען דעם יום-טובֿדיקן קידוש מיט דער הבֿדלה אין איינעם. אָבער אַזוי – אַז איך זאָל אים קענען, ווי אַ וואַסער. ער זאָגט אָן דעם רבין מיטן האַרבן וואָרט:

איר זאָלט אויף אים קיין כּבֿוד ניט לייגן, אויף דעם כאַמולע, כאָטש ער איז מײַנער אַ זון. פּאַסעס זאָלט איר פֿון אים שנײַדן! דער קידוש זאָל ער מיר קענען!...

דער רבי האָט מער נישט באַדאַרפֿט, ווי אַ פֿרײַע האַנט. די גאַנצע דרײַ וואָכן זענען אַוועקגעגאַנגען אויפֿן קידוש. איך מעג מיך באַרימען, אַז איך האָב דעם קידוש געקענט טאַקע ווי אַ וואַסער. אָבער נאָר דעם קידוש. מיט דער הבֿדלה איז געווען צרות! דאָס

הייסט, די הבֿדלה אַליין איז אויך געגאַנגען ביַי מיר, ווי אַ מיזמער. אָבער נאָר ביז אַ געוויסער סטאַנציע. ביזן ערשטן „קדשתּ". און פֿונעם ערשטן „קדשתּ" אָן און וויַיטער – איז כאָטש ווער צעזעצט! דער, וואָס האָט אויסגעטראַכט דעם קידוש, האָט, אַ פּנים, ניט געהאַט וואָס צו טון. האָט ער אַוועקגעשטעלט אַ „קדשתּ", און טאַקע באַלד נאָכן „קדשתּ" אַ „הבֿדלתּ וקדשתּ". וואָס וואָלט אים געהאַרט, אים זאָל זיך שטיין אָדער קדשתּ, אָדער הבֿדלתּ? ממה נפֿשך – איז קדשתּ, און ניט הבֿדלתּ. איז הבֿדלתּ, איז ניט קדשתּ. צו וואָס דרייען אַ מוח? פֿרעגן ביַים רבין – איז אַ פּראַסק אין דער מאָרדע! קיין אַנדער ענטפֿער איז ניטאָ ביַי אים...

ה

(איך פֿלי אַכציק מיַיל אַ שעה. – צוויי הונדערט פֿופֿציק מאָל הבֿדלתּ וקדשתּ. –)

– ווו האַלטסט דו אינעם קידוש? – טוט מיך דער טאַטע אַ כאַפּ שוין פֿאַר יום-טובֿ, איך האַלט שוין ביַי פֿאָרן. – קענסט דו אים שוין אויסנווייניק?

– ווי אַ וואַסער!

– אַנו, זאָג.

און איך זאָג. עס גייט ווי געשמירט. איך פֿלי, ווי אַ קורירער-צוג, מיט אַ גיכקייט פֿון אַכציק מיַיל אַ שעה. נאָר עס קומט צו דעם המבֿדיל, הויבט דער צוג אָן צו גיין אַ ביסעלע שטילער, איַינגעהאַלטענער: „בין קדושת שבֿת לקדושת יום טובֿ הבֿדלתּ, ואת יום השבֿיעי משׁשת ימי המעשׂה ק-ד-ש-ת. קדשתּ והבֿדלתּ."

– ניט קדשתּ והבֿדלתּ, איוואַן פּאָפּערילע, נאָר הבֿדלתּ וקדשתּ. צוויי הונדערט און פֿופֿציק מאָל זאָלסט דו מיר איבערחזרן „הבֿדלתּ וקדשתּ"!...

און איך גיי אַרום איבער דער שטוב, ווי אַ משוגענער, און חזר שטילערהייט: „הבֿדלתּ וקדשתּ, הבֿדלתּ וקדשתּ" – ביז עס הויבט מיר אָן צו הבֿדלתּען און צו וקדשתּען אין די אויגן און אין קאָפּ,

און איך פֿאַל צו אַ פֿאַרטומלטער אויף דער קאַנאַפּע – עס גייט מיר אָפּ אַ מינוט צו חלשן...

– וואָס איז דיר? – פֿרעגט מיך די מאַמע.

– גאָרניט, – זאָג איך – הבֿדלת וקדשת, קדשת והבֿדלת... –

– וואָס פֿאַר אַ „והבֿדלת"? – פֿרעגט דער טאַטע. – פֿון וועגן האָט זיך גענומען צו דיר, איוואַן פּאָפּערילע, אַ „והבֿדלת"? – טאָמער וואָלט דאָס אַ מאָל געהאַט אַן עק? – מישט זיך אַרײַן די מאַמע, לעבן זאָל זי. – דו ווײסט אים אַזוי פֿאַרשלאָגן דעם קאָפּ מיט דײַנע קדשת׳ס און והבֿדלת׳ס, אַז דאָס קינד ווײסט שוין גאָרניט וויסן אויף וואָס פֿאַר אַ וועלט ער איז...

לאַנג לעבן זאָל די מאַמע מײַנע – זי האָט מיך אויסגעלייזט פֿון גלות. האָט זיך אָבער דער „והבֿדלת" אַרײַנגעדרייט אין מיטן און האָט מיך ניט אָפּגעלאָזט אויף קיין מינוט. וואָס איך זאָל ניט זאָגן און וועגן וואָס איך זאָל ניט טראַכטן, איז דער „והבֿדלת" מיר געשטאַנען פֿאַר די אויגן, געשפּרונגען מיר אין פּנעם אַרײַן.

ו

(איך מאַך מיר אַ סימן נאָך די פֿערד. – דער שורש פֿון „קדלת". – אַ בהלה. – מײַן כלהס גרין קאָפּטעל. – מיר אײַלן זיך אין שול אַרײַן. –)

איך בין געזעסן אויפֿן וואָגן און געפֿאָרן אויף יום-טובֿ צו דער כלה (טאַטע-מאַמע זאָגן „צו די מחותנים") און האָב ניט ווילנדיק געחזרט דעם קידוש אויף אויסנווייניק, און אַז ס׳איז געקומען צו דער סטאַנציע „קדשת, הבֿדלת וקדשת", האָב איך מיר געמאַכט אַ סימן: דאָס פֿערד, וואָס איז געגאַנגען לינקס, איז געגאַנגען גלײַך, האָט עס בײַ מיר געהייסן „קדשת". און דאָס פֿערד, וואָס איז געגאַנגען רעכץ, האָט געוואָרפֿן מיט די פֿיס, האָט עס דערפֿאַר געהייסן בײַ מיר „קדלת" (פֿונעם שורש קידאַט – וואַרפֿן). דער סימן איז געווען: „לינקס, רעכץ און לינקס". און אַזוי איז דאָס שוין פֿאַרבליבן בײַ מיר פֿעסט אין מײַן געדעכעניש: פֿריִער „קדשת", דערנאָך „קדלת" און דערנאָך ווידער אַ מאָל „קדשת" – דאָס הייסט: „קדשת וקדלת וקדשת" – אויסגעצייכנט! איך

מיין, אַז ס'איז שוין ניט געווען דער כּח אויף דער וועלט, וואָס זאָל עס קאָנען אַרויסרײַסן פֿון מײַן זכּרון!...

און אַזוי בין איך געקומען בשלום צו מײַן כּלה (טאַטע-מאַמע ווילן האָבן, אַז „צו די מחותּנים" דעם טאָג פֿון ערבֿ פּסח און ניט צײַט געהאַט אפֿילו רעכט אָנקוקן מײַן כּלה, וואָרום מע האָט זיך שוין געקלויבן גיין אין שול אַרײַן. עס איז געווען אַ בהלה, אַ כאַפּעניש, איין ערבֿ יום-טובֿדיקער הו-האַ. אינעם טומל האָב איך געכאַפּט אַ קוק – דאַכט זיך, נישקשה פֿון אַ מיידל. נישט קיין מי יודע. פֿון איר חכמה קאָן מען נאָך גאָרניט וויסן. און קיין גוטסקייט אויפֿן פּנים, ווי מײַן שוואָגער זאָגט, זעט מען אויך ניט אַרויס. אויב קליינע פּרישטשיקלעך אויפֿן פּנים איז אַ סימן פֿון גוטסקייט, באַדאַרף זי זײַן זייער אַ גוטע... איך מיין, אַז זי וואָלט אַ סך געווינען, ווען זי זאָל גיין די האָר פֿאַרקעמט, ניט צעלאָזט, ווי בײַ אַן אַלטער מכשפֿה. אויך וואָלט ניט געשאַדט, זי זאָל איבערבײַטן דאָס גרינע זײַדענע קאָפּטל – עס פּאַסט איר ניט קיין גרינער קאָליר. און וואָס איז דאָס בײַ איר פֿאַר אַ טבֿע, וואָס באַלד עפּעס ווערט זי רויט, ווי אַ פֿײַער? מע דאַרף זי אָפּגעוויינען דערפֿון. לאָמיך נאָר ווערן מיט איר גוט באַקאַנט... דערווײַל טרײַבט מיך דער מחותּן אין שול אַרײַן...

## ז

(מײַן מחותּן אין שול. – קאַלטע שלום-עליכםס . – דער פּסחדיקער קידוש. – סטאָפּ בײַ „קדלת"...)

מײַן מחותּן – וואָס קען איך זאָגן וועגן אים? אַ ייִד איז אַזוי פֿאַרטאַראַראַמט מיטן הייליקן יום-טובֿ, – און דאָ קומט צו אים אַ גאַסט אַ חתן, וואָס ער פֿירט אים אין שול אַרײַן, באַווײַזן דער שטאָדט, וואָס ער האָט געהאַנדלט. דאָס איז ניט קיין קלייניקייט! די האָר זענען אים נאָך ניט אויסגעטריקנט פֿונעם מרחץ. היינטען דעם האַלז איז נאָך רויט פֿונעם אונטערשערן זיך. די מלבושים קנאַקן יום-טובֿדיק. די נײַע שטיוולעטן גלאַנצן נאָך און שמעקן מיט יוכט. אין שול זיצט ער אויוון-אָן. אַלע טראָגן אים אַנטקעגן דעם גוט יום-טובֿ און שטעקען אָפּ אַ קאַלטן שלום-עליכם דעם חתן. קאַלט איז דער שלום-עליכם דערפֿאַר, ווײַל די פֿינגער זענען קאַלט, און אַ ייִד, אַז ער גיט אײַך שלום, גיט ער אײַך נאָר די

שפּיץ-פֿינגער. אַלסדינג אין איַילעניש. מע קומט אַהיים מיט אַ ברייטן גוט יום-טובֿ, און גלייַך צום סדר. די כּלה ענטפֿערט אויפֿן גוט יום-טובֿ און ווערט שוין ווידער רויט, אַזוי ווי אַ ציַיטיקער אַרבעז. די מחותּנתטע שיַינט. זי איז באַהאַנגען מיט צירונג, ווי „גאָטס מאַמע". דער מחותּן האָט אָפּגעקלונגען דעם לאַנגען קידוש, ווי אַ גלאָק, און האָט אַ ווונק געגעבן צום חתן, אַז ער זאָל מוחל זיַין אויפֿשטיין און אויך מאַכן קידוש, ווי דער שטייגער איז. און דער חתן שטייט-אויף, נעמט דעם כּוס און צעלאָזט זיך מיטן קורִיער-צוג. און הויך. און פֿיַינטשיק. מיטן ניגון. גיך-גיך. ביז ער קומט צו דער שווערער עבֿרי. צום רעכטן זומפּ. הויבט ער אָן גיין פּאַוואָליע, האַרט ביַי דער ערד:

„– – – בין קדושת שבת לקדושת יום טובֿ הבֿדלתּ... ואת יום השבֿיעי משׁשת ימי המעשׂה קדשתּ..." דאָ דערמאָנט ער זיך אָן די פֿערד, איינער הייסט „קדשתּ" און גייט גלייַך, דער אַנדערער וואַרפֿט מיט די פֿיס און הייסט „קדלתּ".

– – – „ק-ד-ל-תּ ו-ק-ד-ש-תּ... ק-ד-ש-תּ ו-ק-ד-ל-תּ, ק-ד-ל-תּ

ו-ק–ד-ל–תּ ו-ק-ד-ש-תּ ו-ק-ד-ל-תּ... – – – – – – – – – – – – – – –

## ח

(איך פֿאָר אַהיים. – אויס חתן. „קדלתּ וקדשתּ" האָט אַ שם.)

דעם ערשטן טאָג חול-המועד גאַנץ פֿרי. די כּלה איז נאָך געשלאָפֿן. נאָר דער מחותּן איז געזעסן אין אַ זיַידן כאַלאַטל מיט אויסגעטראָטענע שטעק-שיך אויף די פֿיס און האָט געשוויצט און געסאָפּעט איבער אַ בריוול, וואָס ער האָט געשריבן צו זיַין מחותּן. ביַי דער זיַיט איז געזעסן די מחותּנתטע אָנגעבלאָזן, ווי אַ אינדיטשקע. דער חתן האָט צענויפֿגעלייגט זיַינע זאַכן אין טשעמאָדאַנטשיק, געוווען גרייט אויפֿצוזעצן זיך און פֿאָרן אַהיים.

– נאַ! – זאָגט צו אים דער מחותּן און גיט אים אַ פֿאַרחתמטן בריוו. – דו וועסט לאָזן גריסן דעם טאַטן און וועסט אים איבערגעבן אָט דאָס בריוול. פֿאָר געזונט!...

זיצנדיק אויפֿן וואָגן בין איך געווען טשיקאַווע צו וויסן, וואָס שרײַבט דער מחותּן צו מײַן טאַטן, און וואָס האָבן זיי מיך אַזוי פֿרי אַרויסגעמשלחט?... איך עפֿן-אויס דעם קאָנווערט, פֿאַלן אַרויס די „תּנאים" און אַ בריוועלע צום טאַטן. אינעם בריוועלע שרײַבט מײַן מחותּן און בעט מחילה בײַ מײַן טאַטן, „ער זאָל קיין תּרעומות ניט האָבן – דער שדוך קאָן ניט זײַן קיין שדוך איבער כּמה וכּמה טעמים. השם יתברך זאָל אים צושיקן זײַן זווג, און זײַן טאָכטער – איר זווג... און וואָס אָנבאַלאַנגט דעם נדן מיט די מתּנות להחתן והכּלה, וועט מען זיך אָפּבײַטן, דעם חתן וועט מען אומקערן זײַנס, דער כּלה אירס, און אַלסדינג וועט זײַן אין דער בעסטער אָרדענונג, שלום ושלוה, מע וועט זיך צעגיין, ווי גוטע פֿרײַנט. ובזכות זה וועט זײַן שלום און פֿרידן צו אַלע ייִדן, ונאמר אמן..."

אַ גליק כאָטש, וואָס ער שרײַבט ניט קיין זאַך וועגן דעם שײנעם קידוש – לאַנג לעבן זאָל ער! לאָזט זיך אויס אַ מעשׂה, איך קום אַהיים, באַגעגנט מיך מײַן טאַטע מיט אַ פֿײַנע פּאָר פּעטש. –

– קדלת וקדשת! פֿון וואַנען האָט זיך צו דיר גענומען, דו משומד איינער, אַ „קדלת" אין מיטן דרינען?...

אַזוי גאָר? פֿון וואַנען ווייסט ער דאָס שוין? און פֿאַר וואָס עפּעס נאָר ער? די גאַנצע שטאָט ווייסט שוין דערפֿון! און איך הייס שוין מער ניט „איוואַן פּאָפּערילע". איך הייס שוין אַ נײַעם נאָמען. מײַן נאָמען איז שוין איצטער: „קדלת וקדשת"... איצט איז דאָס בײַ מיר אַ געלעכטער. וויפֿל טרערן, ביטערע טרערן האָט דאָס מיך געקאָסט דענצמאָל!...

Copyright © 2007 Leonard Prager
All Rights Reserved